# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שמות תשפ"ה שנה י | גליון מס' 565

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה
### פון די וואכעדיגע פרשה

## געגועים צו ארץ ישראל

**"וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ"** (א א)

די וואכעדיגע פרשה הייבט זיך מיט'ן אויסרעכענען די נעמען פון די אידן וואס קומען קיין מצרים. דער לשון הפסוק וואס דער פסוק נוצט ביים באצייכענען די אידן וואס קומען קיין מצרים איז "הבאים מצרימה".

אז מען איז מדייק דער ווארט 'הבאים' זעט מען אז עס איז א לשון הוה, לכאורה איז שווער פארוואס זאל די תוה"ק נוצן א לשון הווה אויף א זאך וואס עס האט שוין פאסירט דורות פריער, עס וואלט ווען בעסער געוועז עס זאל שטיין 'שבאו מצרימה?

האט געגעבן צו פארשטיין **דער מיטעלער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע:**

דער סדר העולם איז אז ווען א מענטש גייט אריבער וואוינען אין א נייער פלאץ וועט ער די ערשטע שטיק צייט זיך צו בענקען צו זיין אלטער וואוינארט, אבער ווי מער צייט ער איז אין דער נייער ארט אלץ מער געוואוינט ער זיך איין צו זיין נייער וואוינארט און עס ווערט אים באקוועמער אין די נייע פלאץ, ער הייבט עס אן צו גלייכן, ווי חז"ל זאגן אין מסכת סוטה (סוטה מח א) אז דער נאטור פון א מענטש איז דער נייער ארט באקומט חן אין זיינע אויגן, ווי עס איז דער לשון הגמרא: "חן מקום על יושביו".

ווען יעקב אבינו איז אראפ קיין מצרים האט ער נישט געוואלט אז כלל ישראל זאל זיך צוגעוואוינען צו דער גלות מצרים, נאר אז זיי זאלן אייביג בלייבן געבינדן צו דעם אלטן ארט, עס זאל זיין אין די בחינה פון "הבאים" - כאילו זיי זענען יעצט געקומען און זיי זאלן אייביג משתוקק זיין צוריק ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל.

די בקשה פון יעקב אבינו איז אויך מרומז אין די הפטרה וואס מיר זאגן די וואך, אין די הפטרה שטייט: "הַבָּאִים יַשְׁרֵשׁ יַעֲקֹב יָצִיץ וּפָרַח יִשְׂרָאֵל" (ישעיה כז ו); אז אין די זכות אז יעקב אבינו האט איינגעווארצעלט אין זיינע קינדער אז זיי זאלן אייביג זיין אין די בחינה פון "הבאים" ווי זיי זענען יעצט געקומען צוגיין וועט מקויים ווערן ביי זיי דער "יָצִיץ וּפָרַח יִשְׂרָאֵל" - אז זיי וועלן זוכה זיין אויפצובליען און אויסגעלייזט ווערן פון מצרים.

'נפלאות חדשות' [לרי"מ גרינוולד]

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## ענטפערן 'אמן' בשמחה כמידת אהרן הכהן

ווען הקב"ה האט אויסגעוועלט משה רבינו אלץ זיין שליח וועלכער וועט גיין ארויסנעמען כלל ישראל פון מצרים און אז ער וועט זיי איבערגעבן די תורה הק' האט משה רבינו געזאגט פאר הקב"ה אז ער וויל נישט גיין, ווייל ער האט מורא אז דער פאקט אז מען האט אים אויסגעוועלט וועט פארדריסן פאר זיין עלטערער ברודער אהרן הכהן, עס וועט אים וויי טון אז מען האט אים אויסגעוועלט אלץ שליח און נישט אים אהרן הכהן.

דער באשעפער האט אים בארואיגט און געוויזן אז אהרן איז נישט בייז אויף אים און צוגעברענגט אז אהרן הכהן זאל ארויסגיין אים מקבל פנים זיין ווי דער פסוק זאגט עדות (שמות ד יד): "הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ... הִנֵּה הוּא יֹצֵא לִקְרָאתֶךָ וְרָאֲךָ וְשָׂמַח בְּלִבּוֹ".

אז מען וועט זיך מתבונן זיין אין די עדות וואס הקב"ה איז מעיד אויף אהרן הכהן זעט מען אז דאס איז א וואונדערליכער זאך. מען טרעפט כמעט נישט אז הקב"ה זאל מעיד זיין אויף א ילוד אשה אז זיין הארץ איז ריין, אז ער האט א לב טוב, אז ער האט נישט פאראיבעל אויף א צווייטן, אז עס שטערט עס אים נישט אז זיין ברודער איז עולה לגדולה, נאר, פארקערט, אז ער פרייט זיך מיט די הצלחה פון זיין יונגערער ברודער.

די תוה"ק איז נצחי, יעדער זאך וואס שטייט אין איר איז א לימוד לדורות עולם, אויך די געשעעניש איז א לימוד פאר אונז, ווי אזוי מיר זאלן זיך פירן אייביג, אין אלע אונזערע מעשים, אז מיר זאלן זיך אפלערנען פון די גוטע מידות וואס אהרן הכהן האט געהאט.

כלפי מה דברים אמורים? ווען מיר זען א איד וואס גייט מאכן א ברכה דארף מען צוגיין צו אים און אויסהערן די ברכה און נאכזאגן נאך איר אמן. אזא סארט התנהגות אויסער וואס מען פארדינט דערביי אן אמן געט עס אויך פאר דעם איד א גוטער הרגשה, עס געט אים צושפירן אז ער איז חשוב. אין אזא צייט באקומט דער איד א געפיל פון דערהויבנקייט, ער שפירט ווי ער גייט אין די וועגן פון אהרן הכהן.

די תוה"ק דערציילט אז ביי אהרן הכהן איז מקויים געווארן דער 'וראך ושמח בלבך' אז ער האט זיך געפרייט מיט זיין ברודער משה רבינו און די זעלבע געשעט דא מיט דעם איד, דער איד ווערט שמח וטוב לב, אז מען הערט אויס זיין ברכה.

מיט דער געדאנק קען מען מרמז זיין וואס מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען דער פסוק אין תהלים [קה. ג] ישמח לב מבקשי ה' אז די דורשי ה' זענען בשמחה ווען זיי הערן אז מען לויבט הקב"ה. עס קען זיין אז עס גייט ארויף די וואס ענטפערן 'אמן' אז זיי זענען פרייליך צו ענטפערן דער 'אמן' און עס ווערט מקויים ביי זיי דער דערמאנטער געדאנק אז זיי זענען 'וראך ושמח בלבו'.

בדרך רמז קען זיין אז דער געדאנק איז אויך מרומז דא אין פסוק, די ראשי תיבות פון די ווערטער "ישמח לב מבקשי יי" באטרעפט ניינציג, אזוי ווי די צאל אמנים וואס א איד דארף ענטפערן טעגליך.

זאל דער דמות פון אהרן הכהן און זיינע גוטע מידות דינען ביי אונז פאר אביישפיל און זאלן מיר זוכה זיין זיך צו פרייען אין די שמחה פון א צווייטן און אויך אין די הצלחה פון אן אנדערן איד און זיך אנשליסן אין זייערע ברכות מתוך עין טובה און שמחת הלב, סיי אין די ברכת השחר און סיי אין אלע אנדערע ברכות, אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין אז אויך פון הימל וועט מען זיך פירן מיט אונז במידה טובה כפולה ומכופלת אמן כן יהי רצון.

**מיט א קריאה פון 'וראך ושמח בליבו'**

יעקב דוב מארמארשטיין

— ותיעצר המגיפה —

פון די נקיי הדעת אין ירושלים איז געווען דער צדיק רבי ישעיהו חשין זצ"ל.

זיין גדלות וגאונות איז געווען ברייט באוואוסט איבעראל, ער האט נאך זוכה געווען צו זיין פון די תלמידים פון דער מהרי"ל דיסקין וועמען מען האט גערופן דער 'שרף' פון בריסק.

א לאנגיריגער מנהג האט ער געהאט, ווען עס האט זיך געמאכט אז עס איז געקומען צוגיין אים א בר מצוה בחור פאר א ברכה

> דער רב האט געווארט ביז ווען ער ענדיגט תיקון חצות און זיך געגרייט אהיימצוגיין האט אים דער רב אפגעשטעלט. דער איד האט זיך דערשראקן זעענדיג דער רב, ער האט מורא געהאט אז עס איז אנטדעקט געווארן זיין סוד.

אדער א הדרכה פלעגט ער אים דערציילן די פאלגענדע מעשה:

עס איז געווען א פראסטיגע טאג אין די שטאט אוסטרהא ווען א שווערע מגיפה האט אויסגעבראכן אין איר. די עפידעמיע איז אריבער פון איינער צו די אנדערע און עס האט אנגעזייעט א חורבן אין די שטאט, יונג און אלט זענען קראנק געווארן מיט די אנשטעקיגע קרענק און א שטיק צייט שפעטער זענען זיי אוועק פון די וועלט.

די שרעק אין די שטאט האט זיך געשפירט איבעראל אין די שטאט. מענטשן האבן פראבירט צו בלייבן אין די שטובער אויס מורא אז זיי זאלן ווערן אנשטעקיג פון די קרענק.

מען האט אלאמירט דאקטורים פון אלע ארומיגע שטעט, זוכנדיג נאך א רפואה, אבער זייערע הענט זענען געווען געבינדן.

אויך די רבנים פון די שטאט זענען נישט געזעסן מיט פארלייגטע הענט, מען האט גוזר תענית געווען און די רבני העיר האבן מעורר געווען דעם ציבור, אז מען זאל מפשפש זיין במעשים.

פארזאמלט אין שול האבן אלע אידן אויסגעהערט די געשריי פון דעם רב וועלכע איז געשטאנען אויפ'ן בימה און מעורר רחמים געווען רופנדיג דעם ציבור צו תשובה און צו תיקון המעשים.

"ווער עס ווייסט בשל מי הרעה הזאת - צי עס איז דא איינער וואס פירט זיך נישט כשורה און זיינע מעשים זענען גורם די ביטערע פורעניות זאל קומען זאגן פאר'ן בית דין".

אין די שטאט אוסטרהא האבן געוואוינט אסאך אידן, צווישן זיי איז געווען איין איד וועלכע מען האט קיינמאל נישט געזען אין שול, ער האט נישט געהאט קיין פארקער מיט קיין איינעם.

ווען די מגיפה האט אויסגעבראכן און די רבנים פון שטאט האבן געפאדערט צו תיקון המעשים און אויך צו זען בשל מי הרעה הזאת האבן צוויי אידן באשלאסן אז זיי גייען נאכקוקן דעם איד, זיי גייען זען וואס ער טוט און וואס זענען זיינע מעשים.


דער מהרש"א שול אין די שטאט אוסטרהא אין אוקראינע

אין נאכט, נאכ'ן נאכקוקן דעם איד, האבן זיי געזען אז דער איד גייט ארויס אינמיטן די נאכט און ער גייט אריין אין וואלד.

"זיכער טוט ער עפעס שרעקעדיגע זאכן". האבן די צוויי אידן דערציילט פאר'ן רב און צוגעלייגט אז זיי גלייבן אז זיי האבן שוין דער סוד אין זייערע הענט, זיי ווייסן שוין פארוואס עס איז דא א מגיפה אין די שטאט.

דער קומענדיגער נאכט האט זיך דער רב פון די שטאט אנגעשלאסן מיט די צוויי אידן און צוזאמען האבן זיי באגלייט דער איד. זעענדיג אז ער גייט אריין אין וואלד האבן זיי אים באגלייט צוזען וואס ער טוט אפ דארט אין די וואלד.

צו זייער וואונדער איז נישט געווען קיין עק זעענדיג ווי דער איד ווהלט זיך אויס א באהאלטענער ווינקל אין וואלד און זעצט זיך אוועק אויף איר און הייבט אן זאגן תיקון חצות, ער זאגט דער תיקון מיט בכיות נוראות.

זיי האבן געהערט זיין געוויין אבער דער וואונדער איז געווען אז מיט זיין געוויין האבן זיי געהערט ווי נאך א איד וויינט. מען האט נאר געהערט א קול אבער מען האט נישט געזען די געשטאלט.

דער רב האט געווארט ביז ווען ער ענדיגט תיקון חצות און זיך געגרייט אהיימצוגיין האט אים דער רב אפגעשטעלט. דער איד האט זיך דערשראקן זעענדיג דער רב, ער האט מורא געהאט אז עס איז אנטדעקט געווארן זיין סוד.

"ווער איז געווען דער קול וואס האט מיטגעזאגט מיט דיר תיקון חצות?".

אין אנהייב האט דער איד זיך ארויסגעדרייט אבער דא האט דער רב געפאדערט פון אים אז בגזירת מרא דאתרא מוז ער אים מגלה זיין דער סוד - ווער איז דער איד וואס זיצט צוזאמען מיט אים און זאגט תיקון חצות.

הערנדיג אז דער רב האט גוזר געווען האט ער זיך געבראכן און דערציילט אז אין די לעצטערע יארן קומט צו אים יעדע נאכט ירמיהו הנביא און זאגט מיט אים תיקון חצות.

"אויב אזוי אפשר פרעגסטו פאר ירמיהו הנביא ער זאל זאגן פארוואס איז דא אזא מגיפה אויף די שטאט?".

"דאס וועל איך דארפן ווארטן אויף מארגן ווען ער וועט קומען צוגיין".

צומארגענס איז ירמיהו הנביא געקומען צוגיין ווי יעדער נאכט, דער איד האט געפרעגט ירמיהו הנביא וואס איז פשט פון די מגיפה.

"וויסן זאלסטו אז פערציג יאר איידער די חורבן בית המקדש האט שוין דער בית המקדש געדארפט חרוב ווערן אבער ווייל אידן האבן זיך געהיטן און נישט גערעדט ביים דאווענען איז דער חורבן געווארן אפגעשטופט און די זעלבע איז אויך דא, די מגיפה קומט ווייל אידן זענען מזלזל אין די שולן, מען איז נישט נוהג כבוד אין די שול, מען רעדט ביים דאווענען".

גלייך צומארגענס האט דער רב פון די שטאט געלאזט רופן אלע אידן פון די שטאט און געגעבן א לאנגע דרשה פאר זיי. ביי די דרשה האט ער געפאדערט אז מען זאל מקבל זיין אויף זיך אז מען גייט נישט רעדן ביים דאווענען און זיי דערציילט די מעשה מיט דעם איד און מעורר געווען אז מען זאל נישט רעדן ביים דאווענען און בעיקר נישט מיט די תפילין.

די ווערטער פון דעם רב האט געהאט א שטארקע אפקלאנג, דער ציבור האט זיך פארגענומען די קבלה און די מגיפה האט זיך אפגעשטעלט.

אין זכות פון מקבל זיין קבלות טובות בעניני קדושת בית המדרש האט זיך די מגיפה אפגעשטעלט

'ברכת דוד' פרשת תרומה

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### א שמירה און א באשוצער אין די צייט פון א צרה

**"וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ"** (א א)

א שיינער רמז איז דא אין דער פסוק איבער די גרויסע סגולה פון ענטפערן אמן און אז זי איז מגין ומציל אויף יעדן בכל עת צרה וצוקה:

די צווייטע אות אין די ווערטער: "וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי" איז 'אמן' - אז מען ליינט דער המשך הפסוק זעט מען דא א רמז אז דער 'אמן' איז דער מגין ומציל אויף יעדער איד אין אלע צייטן און אויך ממיצר ווייל עס ווערט ווי 'ואלה שמות בני' דער אמן אז זי איז מגין ומציל פון "הבאים מצרימה" - ווען א איד איז אין א 'מיצר'.

ראה 'בן לאשרי'

### בעניית אמן מאחדים את שני שמות הקודש

**"כֹּה תֹאמַר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵי אֲבֹתֵיכֶם אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם זֶה שְּׁמִי לְעֹלָם וְזֶה זִכְרִי לְדֹר דֹּר"** (ג טו)

אויף דער פסוק: "זֶה שְּׁמִי לְעֹלָם" דרשנ'ען חכמים (פסחים נ א) אז אנשטאט אז מען זאל ליינען 'לעולם' זאל מען ליינען די ווארט אן א ויו "לְעֹלָם".

ווען עס איז געשריבן אזוי איז עס ווי עס וואלט ווען געשטאנען "לְעַלֵּם" א לשון פון 'העלמה'.

דער געדאנק וואס ליגט דערונטער איז אז דער פסוק איז מרמז אז מען זאל 'מעלים' זיין דער שם המיוחד פון הקב"ה - דער - שם הוי"ה, מען זאל עס נישט ליינען ווי עס שטייט אין די תורה, נאר מען זאל מאכן א זכר צו איר, ווי עס שטייט ווייטער אין פסוק "וזה זכרי לדר ודר" - און די זכר וואס מיר מאכן דערצו איז אז מען זאגט ארויס מיט'ן מויל נאר דער שם א-ד-נ-י.

דער זוה"ק זאגט אז אין דער פסוק ליגט באהאלטן די גרויסער סוד פון אמן. דער 'אמן' באטרעפט כמנין צ"א און דאס איז די זעלבע גימטריא פון די צוויי שמות, סיי דער שם וואס מען שרייבט [הוי"ה] און סיי דער שם וואס מען ליינט [א.ד.נ.י] אז איןביידע צוזאמען איז עס כמנין צ"א.

מיט דער דערמאנטער דערהער פון זוה"ק געט דער **רוקח** צו פארשטיין די ברייתא אין (ברכות נג א) "גדול העונה אמן יותר מן המברך". אויבנאויף זעט דאך אויס ווי דער מברך איז גרעסער און אז דער וואס זאגט 'אמן' איז נאר מסכים צו אים, פארוואס האבן חז"ל געזאגט גדול העונה? נאר מיט דעם דערמאנטן זוה"ק קען מען עס פארשטיין, אינדערצייט וואס דער 'מברך' זאגט נאר איין 'שם' פארדינט דער עונה אז האט ביידע שמות ווייל 'אמן' איז כמנין הוי"ה ואדנות צוזאמען. ('הרוקח' הל' סעודה סי' של; 'בעל הטורים' דברים כז כו).

דער מקובל האלוקי **רבי אהרן הזקן מקרדינא** דער מחבר פון דער ספר 'קרנים' דרוקט זיך אויס מיט מורא'דיגע אויסדרוקן אויף די כוחות וואס ליגט אין דער 'אמן' און מיר ציטירן דא זיינע ווערטער אין זיין ספר 'אגרת הטעמים': "כי כל שמות הקדושים כולם כאחד כלולים בלולים סגולים נסתרים מכוסים כמוסים בתיבת אמן... ועליה אומר הכתוב (ישעיהו כו ב): 'ויבא גוי צדיק שמר אמנים', רצה לומר כמו שומר האוצר שהוא לפני ולפנים בחדרי חדרים, כך התיבה הזאת הטהורה והקדושה מקורה יקרה מפנינים... אם כן ראה גם ראה אתה בן אדם כמה רמזים, רזים וסודות מיוסדות על אדני פז... ואיזהו מקומו של אמן? קודש קדשים".

אין דער פארצייטישער סידור **'סדר נהורא השלם'** ברענגט ער אראפ בשם די קדמונים אז ווען מען זאגט אמן זאל מען אינזינען האבן צו מצרף זיין די צוויי שמות הוי"ה ואדנות וועלכע זענען די גימטריא פון אמן. דערביי לייגט ער אז דער ענין איז מרומז אין וואס מיר זאגן יעדן טאג ביי הודו (דה"א טז לו): "ויאמרו כל העם אמן והלל לה'" - אז דער גאנצער פאלק זאל מקפיד זיין אויפ'ן אמן און אינזינען האבן ביי איר און וואס זאל מען אינזינען האבן? "והלל לה'" צו מצרף זיין דער שם אדנות וועלכע איז די גימטריא פון 'הלל', 'לה'' - איז דער שם 'הוי"ה' און ביידע צוזאמען זענען די גימטריא פון אמן.

'הרוקח' הל' סעודה סי' של; 'אגרת הטעמים' [מנטובה שמ"ב] דף יב ע"ב; 'סדר נהורא השלם' ריש פט"ו בהג"ה

## "זֶה שְּׁמִי לְעֹלָם וְזֶה זִכְרִי לְדֹר דֹּר"

"כי כל שמות הקדושים כולם כאחד כלולים בלולים סגולים נסתרים מכוסים כמוסים בתיבת אמן... ועליה אומר הכתוב (ישעיהו כו ב): 'ויבא גוי צדיק שמר אמנים', רצה לומר כמו שומר האוצר שהוא לפני ולפנים בחדרי חדרים, כך התיבה הזאת הטהורה והקדושה מקורה יקרה מפנינים... אם כן ראה גם ראה אתה בן אדם כמה רמזים, רזים וסודות מיוסדות על אדני פז... **ואיזהו מקומו של אמן? קודש קדשים".**

דברי המקובל האלוקי רבי אהרן הזקן מקרדינא בעל ספר 'קרנים', 'אגרת הטעמים' (מנטובה שמב, דף יב ע"ב).



## מִצְטָרְפִים לַמַּהְפֵּכָה

**טייערע איד!**

**שליס זיך אויך אן אין די הייליגע אונטערנעמונג און צייל זיך אויף פון די אידן וואס זענען זוכה צו דער טיטול פון "קודש קדשים"! הייב אן דיין טאג מיט הערן ברכות פון די מתפללים און ענטפער אמן אויף זיי!**

זיך אנצושליסן אין די הייליגע אונטערנעמונג פול אויס אן אפליקאציע אויף דער 'נדרים פלוס' פראגראם און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט דיר און שיקן די מאטריאל וואס איז נויטיג פאר אייך.

## בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה

**בְּקוֹל | בְּכַוָּנָה | בְּחַבְרוּתָא**

# בנתיבות אמונים

## הרחבות בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

**"וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה"** (ב כג)

די תוה"ק פארבינדט די זעקה פון כלל ישראל צו די מיתה פון פרעה - לכאורה וואס איז דער קשר צווישן די צוויי זאכן?

דער הייליגער **רמב"ן** געט צו פארשטיין: אזוי לאנג ווי פרעה האט געלעבט האבן די אידן געווארט אויף זיין טויט. זיי האבן געהאפט אז ווען ער וועט שטארבן וועלן זיך זאכן טוישן. אין די רגע וואס ער איז געשטארבן און זיי האבן געזען אז אלעס בלייבט ביים אלטן, אז דער נייער קעניג איז נאך ערגער ווי די פריערדיגע, האבן זיי פארלוירן האפענונג און געשריגן צו הקב"ה, אז ער זאל זיי מציל זיין פון די צרה.

דער בעל **'תשובות והנהגות'** ברענגט אראפ דער רמב"ן און לייגט צו, אז עס קען זיין אז די זעקה וואס זיי האבן געשריגן איז נישט געקומען מתוך ייאוש נאר מתוך תפילה. אזוי לאנג ווי דער אלטער קעניג האט געלעבט האבן זיי תולה געווען אז זיי ליידן ווייל ער איז א שלעכטער מענטש, אבער ווען זיי האבן געזען אז אויך דער נייער קעניג איז שלעכט, האבן זיי פארשטאנען אז דאס איז א גזירה מן השמים און זיך געוואנדן לשמים אויף רחמים וחסדים.

## די קשר צווישן די טויט פון פרעה און די זעקה פון כלל ישראל

דער בעל 'תשובות והנהגות' פירט אויס אז פון דא קען מען זיך ארויסלערנען אז ווען עס איז דא א צרה אין א לאנד זאל מען עס נישט תולה זיין אין די רעגירונג און בעטן אז די רעגירונג זאל זיך טוישן, ווייל אלעס קומט פון הימל, מען זאל גלייך בעטן רחמים ביי הקב"ה.

דער **'צרור המור'** געט צו פארשטיין אנדערש אז בעצם האט כלל ישראל געשריגן פאר הקב"ה אויך איידער פרעה איז געשטארבן און צוליב זייער זעקה און געבעט איז פרעה געשטארבן און דאס איז פשט אין פסוק: "וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם" - די סיבה פארוואס דער מלך מצרים איז געשטארבן איז געווען א תוצאה פון: "וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים".

נאך א מהלך זאגט **רבי יצחק עראמה** דער בעל 'עקידת יצחק': ווען פרעה איז געשטארבן האט גאנץ מצרים געקלאגט. אויך די אידן זענען געווען געצווינגען צו קלאגן אויפ'ן קעניג נאר די אידן האבן אויסגענוצט די קלאגעריי און געבעטן צו הקב"ה און געשריגן אויף זייער ווייטאג. אזוי האבן זיי נישט געמעגט קלאגן, אבער אונטער די שלייער אז זיי קלאגן אויף פרעה האבן זיי געקלאגט און געבעטן צו הקב"ה, ער זאל זיך מרחם זיין אויף זיי.

מיט דער מהלך איז דער **'אמרי שמאי'** מבאר וואס מען זאגט אין די תפילה פון 'אנא בכח' די שטיקל פון: "שועתנו קבל ושמע צעקתנו יודע תעלומות". אז אויך ווען אינדרויסן דערקענט זיך נישט קיין סיבה צו די צעקה, ווי עס איז געווען אין מצרים, ביי פרעה, וועט אבער הקב"ה דער יודע תעלומות וויסן די סיבה און מקבל זיין די תפילה.

נאך א מהלך זאגט דער **'פנים יפות'**: ער שטעלט עס צו ווי עס איז ביי א קראנקער מענטש. ווען א מענטש איז אזוי קראנק מאכט זיך צומאל אז זיין קרענק איז אזוי שטארק אז ער קען שוין אפילו נישט שפירן זיין קרענק. די זעלבע איז אויך געווען אין מצרים. אזוי לאנג ווי די שליטה פון דער מלך מצרים איז געווען גאנץ זענען אויך די הערצער פון כלל ישראל געווען פארשטאפט און זיי האבן נישט געקענט דאווענען פאר הקב"ה. אין די רגע וואס דער שר וואס איז ממונה אויף מצרים אויבן אין הימל איז געווארן שוואכער מיט די טויט פון דער קעניג איז אויך שוואכער געווארן די שליטה העכער די אידישע קינדער און די הערצער פון כלל ישראל זענען געווארן ווייכער און זיי האבן געקענט דאווענען פאר הקב"ה.

פירוש הרמב"ן על התורה; 'צרור המור'; 'עקדת יצחק' שער לד; 'פנים יפות'; אמרי שמאי'; 'טעם ודעת'

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


דער ציון הק' פון דער בעל סמיכת חכמים אין אינסטאנבול - טערקיי

# דער בעל הַ'סְמִיכַת חֲכָמִים'

## כ"ד בטבת תע"ט

דער צדיק רבי נפתלי כ"ץ איז געבוירן געווארן אין די יארן פון ת"י צו זיין פאטער רבי יצחק הכהן. נאך אין זיינע יונגע יארן האט מען דערקענט אויף אים אז ער האט אויסטערלישע כשרונות, אז ער וואקסט א גדול בישראל, זיין שם טוב איז ארויס אין די גאנצע אומגעגענט.

בניסי ניסים האט ער איבערגעלעבט שווערע געפענגעניש יארן ביי די בארבארישע טאטארן און נאר בדרך נס איז ער ניצול געווארן פון זיי. אין א שיר וואס ער האט שפעטער פארפאסט און עס איז געדרוקט אין זיין ספר 'סמיכת חכמים' רעדט ער ארום איבער יעניגע יארן, פאלגענד איז זיין לשון: נופת תטופנה פי ושפתי, שיר שבח לאל פדה אותי, משבי הקשה מצרותי, קראתי ועננו בצר לי, יללת הגא נהי ושברים, בקול שאגתי משבי הקדרים, בשברון לב וברסוק אברים".

אין יאר תמ"ז איז ער געווארן דער רב אין שטאט אוסטראה נאך דעם וואס זיין שווער איז נסתלק געווארן פון די וועלט. בימים ההם איז ער געווען אלט 37 יאר. אין יאר תנ"א איז ער געווארן באשטימט אלץ רב און אב בית דין אין די שטאט פוזנא, מיט די רבנות פאסטן אין פוזנא האט ער אנגעהאלטן גאנצע פופצן יאר. אין יאר תס"ו איז ער נתקבל געווארן צו דינען אלץ רב אין די שטאט פראנקפורט.

זייענדיג דארט האט פאסירט די ביטערע אומגליק אין די שטאט אז ביי א שריפה אין די שטאט איז פאברענט געווארן 500 אידישע הייזער, אויך די אידישע גאס מיט די אידישע שול איז גענצליך פאברענט געווארן.

נאך די ביטערע שריפה האט רבי נפתלי פארלאזט די שטאט פראנקפורט, ער האט זיך אריבערגעצויגן קיין פראג, אבער אויך דארט איז ער נישט געבליבן אויף לאנג, פון דארט איז ער אריבערגעפארן צו די שטאט ברעסלוי, ביז ווען ער האט מחליט געווען אז ער גייט ארויפגיין קיין ארץ ישראל און דארט אויסלעבן די יארן.

נאך זייענדיג אונטערוועגנס קיין ארץ ישראל אין די שטאט אינסטאבול איז ער קראנק געווארן און איז דארט נסתלק געווארן אין דעם טאג כ"ד טבת אין יאר תע"ט.

ער ליגט טאקע אין די שטאט אינסטאנבול.

# דער וואס ענטפערט 'אמן' בכוונה ווערט אנגערופן א קדוש!

אין דער ספר הצוואה וואס דער בעל 'סמיכת חכמים' האט געשריבן און עס איז געדרוקט געווארן אין צענדליגע מהדורות רעכענט ער אויס בשם דער אר"י הק' 21 זאכן וועלכע זענען מקדש דער מענטש און ווען מען איז עס מקיים איז מען מיט דעם מקיים די מצוה פון "והתקדשתם והייתם קדשים" (ויקרא כא, ז).

צווישן די זאכן וואס ער רעכענט דארט אויס ציילט זיך אויך דער ענטפערן אמן בכוונה, פאלגענד זענען זיי ווערטער (אות כא שם):

"כוונת אמן פירושו שיענה אמן בכל כוחו ממש, כי הקול מעורר הכוונה כדקיימא לן בתפילות ראש השנה ויום הכיפורים שמותר להתפלל בקול רם כדי לעורר הכוונה... ויכוון בענייתם: 'א-ל מלך נאמן' (ראה שבת קיט ב)... 'א-ל' הוא חסד שנאמר (תהלים נב ג): 'חסד א-ל כל היום'. 'מלך' הוא דין, שנאמר (משלי טז י): 'מלך במשפט יעמיד ארץ'... 'נאמן' הוא רחמים... כמו שאמרו 'אני ה"' נאמן לשלם שכר טוב וכן 'אני ה"' נאמן לפרוע (ראה רש"י שמות ו ב). גם יכוון: שם הוי"ה אדנות, משולב בגימטרייה אמ"ן.

**ובעשותו כל אלה קדוש יקרא, דכתיב** (ויקרא כ ז): **'והתקדשתם והייתם קדשים כי אני ה' אלקיכם', ודרשינן** (ברכות נג ב): **והתקדשתם... אני ה' א-להיכם זו ברכה [ברכת המזון], ואם המברך נקרא קדוש - קל וחומר העונה אמן שנקרא קדוש כי 'גדול העונה אמן יותר מהמברך'** (ברכות שם).